STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 02306

# BURSHTINENE SHISLEN

Mark Schweid

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

מארק שוויד

# בורשטינענע שיסלען

פאַרלאַג „ווערבע"
ניו יאָרק
1921

Copyright, 1921,
by Mark Schweid

# דער בריעף פון די זיבען ברידער
# צו די זיבען ברידער

שעהנע זיבען ברידער, מיר שרייבען אייך דעם אמת,
נאָר דער ים, וואָס שיידט אונז, מאַכט דעם אמת בלייכער.

אונז געהט דאָ גוט:
מיר האָבען האָלץ צום הייצען,
מיר האָבען זאַלץ צום ברויט —
און ליעדער זינגען מיר די אַלטע נאָך,
טאָג און נאַכט, און פיש און פייגעל,
און רעגענבויגענס האָבען מיר דאָ אויך.
נאָר אונזער שעהנקייט בלאָנדזשעט אום
אויף אַלע וויסטע וועגען
און רעדט רייד, וואָס פּאַסען פאַר אַ הור.
זי וואוינט אויף דער שפּאַציר־אַלעע —
און טהוט אונז חרפּות אָן,
אונז זיבען ברידער.

מיר גריסען אייך, און שיקען אייך
דריי ווילדע נים, וואָס וועגען זיבען צענטנער,
אַ קריגעל בוימעל און צוויי געטרוקענטע פיש.

פון אונז די זיבען ברידער, וואָס שרייבען אייך דעם אמת,
נאָר דער ים, וואָס שיידט אונז, מאַכט דעם אמת בלייכער.

## וועגן וואונדערליכע פריהמאָרגענס

איך זאָג עס אייך, ווייל אָפּטמאָל
זאָג איך עס צו מיר אַליין:
אַז, קען זיין, קען זיין, אַז איך וועל עס טהון.

אזוי ווי אין אַ פּראָסטען מאַי־טאָג
טרעפט זיך, אַז איך טו מיר אָן
דאָס העלסטע שניפּסעל,
און שפּאַציר אויף דער שענסטער גאַס,
און געה אריין אין א בלומען־געשעפט
און קויף מיר איין: זעקס נאַרציסען,
זיבען־אַכט נעלקען, דריי־פיער רויזען,
און קאַנוואַליען און פיאלקען און לעווקאָניען,
און עטליכע בלומען, וואָס לאַכען צו מיר
און איך וויים נישט זייער נאָמען —
און נעם אַ רעשט פון אַ גאָלדשטיק,
און לאָז איבער מיין וויזיט קאַרט
און היים עס צושיקען צו מיר אהיים,
אַזוי קען זיין —

איך זאָג עס אייך, ווייל אָפּטמאָל
זאָג איך עס צו מיר אליין:
אַז קען זיין — קען זיין, אַז איך וועל עס טהון.
איך וועל ארויסגעהן אין א כמורנעם ווינטער־טאָג,
מיך פאַרנעמען אין א זייטיג געסעל,
און וועל אויפזוכען אַ שמאָלע, ענגע קראָם
פון אַן אַלטען סופר —
וועל מיר הייסען געבען
צוויי פּאָר תפילין און אַ גוטען טלית,
פינף מזוזות און אַ האַלב טוץ טלית קטן׳ס —
אפשר נאָך מיט תכלת —
און דעם בעסטען כל בו מיט אַ לעדערנעם רוקען,
אזוי ווי מיין באָקאַטשיאָ האָט.
און ווען עס וועט באטרעפען איינאונצוואנציג
אָדער צווייאונצוואַנציג זילבער־טאָלער,
וועל איך דעם סופר דערלאַנגען
אַ פינפאונצוואַנציגער אין גאָלד
און וועל קיין רעשט נישט נעמען.

און דערנאָך — צומאָרגענס אין דער פריה,
ווען אין עסצימער אויפ׳ן טיש, וועט מיין ווייב —
וואָס וועט נאָך דאַמאָלס מיין געליעבטע זיין —

שוין האָבען אָנגעגרייט
דעם פּאָמעראַנצען־זאַפט,
די געקאָכטע ווייצען אין מילך,
דעם פּיינקוכען און דעם קאַקאַאָ, —
און ווען זי וועט דערזעהן,
אַז עס איז שוין אַכט דער זייגער
און איך קום נאָך נישט צום טיש,
וועט זי שטיל עפענען די טיר פון מיין צימער
און מיך דערזעהן אין טלית און תּפילין,
מיט'ן פּנים צו דער פענסטער־וואַנד,
וואו די זון וועט אויפגעהן:
שמונה עשרה וועל איך שטעהן.

מיין ווייב, מיין געליעבטע, וועט זיך נישט פאַרוואונדערען;
זי וועט נאָר צופיהרען מיין קליינעם זוהן
צו דער שוועל פון מיין צימער,
וועט איהם אַ קוש טהון אין די טראַכטענדיגע אויגען
און איהם זאָגען שטילערהייט:
דו זאָלסט דיך איצטער שפּיעלען שטיל,
דער טאַטע דאַווענט.
און שטילערהייט וועט זי די טיר פאַרמאַכען
און אריין אין עסצימער וואַרטען אויף מיר.

און אויפ'ן טיש וועט זי אַ קוק טהון
צי עס פעהלט נישט דאָס זאַלצמעסטיל,
און דאָס אָנגעהויבענע ברויט וועט זי צונעמען
און וועט אַוועקלעגען אַ גאַנץ ברויט.
און נעבען מיין אָרט ביים טיש,
וועט זי אויף אַ שטוהל אַוועקשטעלען
אַ ריינע שיסעל און אַ שעפ מיט וואַסער,
און אויפ'ן אָנלעהן וועט זי אויפהענגען
אַ קלאָר האַנטוך מיט פרישע קנייטשען.

# אַרום ליכט־בענשען

אין אַ יונגען מאַי־טאָג, פֿאַר ליכט־בענשען,
בין איך אַריינגעקומען צו דער מאַמען
מיט אַ רייזע־קעסטעל, אין פֿאַרשטויבטע שיך,
מיט אַ העלען שניפּס און אַ האַרץ,
וואָס איז פֿאַרפֿרעמדט געוואָרען.
דער מאַמעס אויגען האָבען לאַנג מיך אָנגעקוקט
און איהר האַרץ האָט מיך דערקענט.
„פֿון אַ ווייטען וועג, מיין קינד, פֿון אַ ווייטען וועג" —
האָט זי פֿרום און פֿיינליך געשעפּטשעט,
און אַרום איהר ווערטער האָט זיך שטיל
אַרומגעוועבט דער שבת.

וועה צו די, וואָס קומען מיט זייער וואָכעדיגקייט
צושטערען אימיצענס אָנהויב פֿון אַ שבת.
איילינג האָט די מאַמע מיר דערלאַנגט
אַ שיסעל וואַסער, די שמעקענדיגע זייף
און אַ האַנטוך; צוגענומען די באַרשט מיט שוהוואַקס,
דאָס געדיכטע קעמעל און די האָר־באַרשט.
„ביזט הונגעריג?" — „יאָ."

און נעבען די סטרין־ליכט אין די זילבערנע לייכטער,
גרייט צו געהן לקראת כלה,
בייגט די מאַמע אָוועק דאָס טישטוך
און דערלאַנגט מיר פּיש, יויך מיט פֿאַרפֿעל,
אַ געדגעלע, וואָס כ׳האָב ליעב געהאַט אין דער קינדהייט,
און פֿאַמעליך ווערט מיין האַרץ אַלץ ווייניגער פֿאַרפֿרעמדט.

דערנאָך קומט מיין יונגע בלאָנדע שוועסטער
פֿון דער ביבליאָטעק, מיט אַ ביכעל אין אַ פֿארשייטען
איינבאַנד,
און אַ נאַרצים מיט אַ שוואַרצער הענטשקע אין ביכעל,
קושט זיך מיט מיר, ווי מיט אַ ווייטען קרוב
און פֿאַרפֿיהרט מיט מיר אַ שמועס וועגען מיינע רייזעס,
אויף אַ שפּראַך, וואָס די מאַמע פֿאַרשטעהט נישט.
די מאַמע שוועקט אָפּ די פּאָר טעלער
און מיט אַ האַרץ, וואָס כ׳האָב אַמאָל פֿאַרשטאַנען בעסער,
דערמאָנט זי דעם טויטען טאַטען.
די שוועסטער נעמט עס טרוקען,
נאָר מיך דערמאָנט עס עפּעס,
וואָס האָט מיך אַמאָל דערמאָנט אָן עפּעס.
און ווען די מאַמע האָט די ליכט שוין אָנגעצונדען
און פֿאַר זיי געשטאַנען מיט די הענט נאָך אויפ׳ן פּנים,

האַט די טיר זיך אויפגעפּראַלט
און אַ געזונטער גוי פון דער אייזענבאַהן,
אין דרייען איינגעבויגען,
האַט אויף דער פּלייצע אריינגעדזשווינגעט מיין באַגאַזש,
אַנ׳אָפּגעריבענעם און צעקלאַפּטען,
אויף אַלע זייטען מיט קוויטלעך באַקלעפּטען קופּערט.

# אַ אידישער, אַ אידעאַלער

די גרויסע צוקער־פאַבריק
הינטער דער וויליאמסבורגער בריק
פייפט צוועלף א זייגער מיטאָגצייט.

(די זון זיצט אויפ'ן מזרח־טייך פון ניו יאָרק
און גיסט איבער צוגאָסען גאָלד
אויף הונדערט פלאַכע שפיגלען.)

די שוואַרצע קלומבען רויך,
וואָס זעצען פון די קוימענס,
גלייך טויזענדער מוסקול־הענט
וואַלטען זיי פון דאָרט ארויסגעבייטשט
צום הימעל — ווערען שוואַכער.
די עלעקטרישע לאַפּעטע,
וואָס שלעפּט די ליעבע שוואַרצע קוילען
צעהנער פודענווייז פון די בערלינקעס ארוים
גלייך אויפ'ן ניינטען שטאָק ארויף,
בלייבט הענגען אין דער לופטען
שטאָלץ.

ווי אַ קלאַסען־באַוואוסטער אַרבעטאָרער,
וואָס ווייסט, אַז די אַקציען־געזעלשאַפט
עקספּלואַטירט איהם.
אַלע פאַבריקען אויף ביידע זייטען טייך
פייפען אוים די מיטאָג־שעה.
און איך אַנ'איינזאַם־גליקליכער,
אַ אידישער, אַ אידעאַלער
געה צופוס קיין ניו יאָרק
איבער דער זון־באַגאָסענער בריק.

(איך, מרדכי, טהו עס דיר זאָגען, מיין גלויביגער,
און דו, אין דיין רייה, טהו עס מיר גלויבען,
אַז די דאָזיגע בריק האָט כביכול אליין
אין אַ פרייער מינוט צונויפגעפלאָכטען
און אָנגעטשעפּעט איין עק אָנ'ם מזרח־ברעג
און איין עק אָנ'ם מעריב־ברעג
פונ'ם ניו יאָרקער מזרח־טייך.)

אונטען אויפ'ן וואַסער —
צוויי פערי־שיפען, וואָס זעהען אויס,
ווי גו'אישע ווייבער מיט ברייטע היפטען,
בייטען זייערע פּאָזיציעס.

א שיף מיט אַנ׳אָרקעסטער
געהט אַרויף קיין פּאָרטלאַנד.
אַ קריעגס־שיף דרעהט זיך אויס פּאַמעליך
מיט׳ן פּנים צום אָפּענעם ים.

(די זון האָט עטליכע פון איהרע שפּיגלען
צובראָכען אָן דער שיף,
און קריעגלעכווייז און היטלערווייז
פּאַרגאָסען גאָלד אַרום דער שיף.)

שיפען איבער׳ן טייך,
די בריק איבער די שיפען,
איך איבער דער בריק,
מעווועס איבער מיר,
און א דיריזשיבעל
פון אַ נאָהענטער אַקאַדעמיע
איבער די מעווועס.

(גאָט זאָל איהם שטאַרקען זיינע הענט,
דעם יונגען שגץ,
ער זאָל זיך גיך אויסלערנען פליהען,
ווי ער האָט זיך, ווען ער איז אַ יאָהר אַלט געוועזען,
אויסגעלערענט גערן.)

א קונצענמאַכער האָט דורך א כשוף־שפּיגעלע
אריינגעקוקט אין מיין נשמה
און מיך געהייסען ענדערען דעם נגון.

(אַ ווינט האָט מיר ארויסגעיאָגט
מיין גרין זיידען טיכעל פון דער האַנט,
און איצטער — צו אַלדע גוטע ווייטע יאָהרען! —
פליהט עס אויף דער זון, גלייך אין וואַסער אריין.)

# א שטיקעל ברוינער סאַמעט

וואָס קענסטו מאַכען מיט אַ פערטעל אייל
ברוינעם סאַמעט? —
איבערלעגענדיג די אַלטע קלאָרע וועש אין שראַנק,
האָט עס די מאַמע,
אונטערזינגענדיג אַנ׳אַלטען וואַלץ, געפונען.
נאָך פינקעלט דארויף, ווי האַרטער שניי, דער נאַפטאַלין,
און אַ לאַרבער־בלעטעל פון דער פסומביקס
האָט זיך דארויף פאַרוואַלגערט.
און מיר — בלעטערענדיג ביים פענסטער „פעלעאס און מעליזאנדע״,
ווערט אזוי וואונדערליך אויפ׳ן האַרץ.
די מאַמע זאָגט:
„כ׳וועל מיר מאַכען אַ פּאָר נייע מאַנקעטען
צו מיין סאַמעטען קלייד״.
און דאָס שוועסטעריל:
„כ׳וועל מיר אויסהעפטען אַ האַנדבייטעל״.
און נאָך אַ לאַנגען שווייגען,
ווען די מאַמע זינגט ווייטער דעם אַלטען וואַלץ

און דאָס שוועסטעריל העפּט אַ מאָנאָגראַם
אויפ'ן ציכעל פון אַ יאַשיק.
רוף איך שטיל מיך אָן:
„קויף מיר, מאַמעשי, אַ שטיקעל סאַטענדעליאָז
אויף אנ'אונטערשלאג
און נעה מיר אויף א תּפילין־זעקעל“.
פרום קוקט מיך אָן די מאַמע,
דאָס שוועסטעריל בייסט אָב
דעם רויטען פאָדים אויפ'ן טאַמבורין
און איך לאָז פאַרשעמט אַראָפּ די אויגען.

# דאָס ליעד פון מיין אומעטיג בלוט

איך האָב דאָ אַלע מוהמעס אין אַמעריקע;
איך פאַרדיען אויף ברויט און אויף טעאַטער אין אַמעריקע.
האָב שוין געזעהן די ניאַגאַרא וואַסערפאַלען,
און שוין געזעהן דאָס העכסטע הייזעל אין דער וועלט,
וואָס דער בעל הבית דערפון איז א סוחר
פון פינף־גראָשענדיגע זאַכען,
און איך גיב איהם אָפּט צולייזען.
האָב שוין שפּאַצירט איבער דער גרעסטער בריק אין
דער וועלט,
האָב שוין געטראָגען שיך און שניפּסלעך
געקויפט ביי יוחנן וואַנעמייקער,
אַ מענש וואָס האָט די גרעסטע קראָם אין דער וועלט
און איז, וועה און ווינד איז מיר, נישט קיין איד.
איך האָב אַ זייגעריל, וואָס האָט באַריהמט געמאַכט דעם
דאָלער.
איך בין שוין דאָ געפאָהרען
מיט דער שנעלסטער באַהן אין דער וועלט,
וואָס רופט זיך דאָ: צוואַנציגסטער יאָהרהונדערט
באַגרענעצט.
און ביכער קריג איך פריי דאָ אין דעם שענסטען איינבאַנד.
און דאָך —
און דאָך איז מיר דאָ אומעטיג,
אוי אומעטיג,
אוי אומעטיג,

אוי אומעטיג אזוי:
אַז מיט די ניאַגאַראַ וואַסערפֿאַלען
וואָלט איך געוואָלט מיטפֿאַלען,
און פֿון דעם העכסטען הייזעל אין דער וועלט
זאָל מיך אַנ'אַלאַסקער ווינט אַראָבטראָגען,
און פֿון דער גרעסטער בריק אין דער וועלט
וואָלט איך מיט אַ שמייכעל אַראָפּגעשפּרונגען,
און 'שטאָט אין וואַנעמייקער'ס שיך
וואָלט איך בעסער געוואָלט געהן באָרוועס
מיט צוקאַליעטשעטע פֿיס,
און בעסער וואָלט איך קיינמאָל נישט געוואוסט ווי שפּעט
עס איז,
ליעבערשט וואָלט דער „צוואַנציגסטער יאָהרהונדערט באַגרענעצט"
מיך איבערגעפֿאָהרען
און צושפּריצט מיין אומעטיג בלוט אויף די רעלסען
פֿון ניו יאָרק ביז שיקאַגאָ, —
איידער נישט צו קענען זיך באָדען אין דער ווייכסעל,
און שפּאַצירען אויף דער מאַרשאַלקאָווסקע,
און לאַכען, ווי אַ מענש,
און פֿון צייט צו צייט ווערען אומעטיג אין געזעלשאַפֿט
און אַרויסזיפֿצען:
„זעקס יאָהר האָב איך פֿאַרבראַכט אין אַמעריקאַ".

## די שוהל, די שוהל מיין ליעבער

— קום אהער מיין ליעבער יונג,
דו ביזט ביי מיר אין שטוב
און דארפסט דיך פיהלען היימיש.
ווארף אריין די מאנדלען אין גלאז וויין,
נעם דעם אפגעשיילטען עפעל
אויפ׳ן זילבערנעם פרוכט־גאפעל
און קום אהער צום פענסטער.

זעהסט אויפ׳ן ראג דארט די רויטע געביידע
מיט גאטישע פענסטער
און טונקעל־פארשטויבטע וויטראזשען?
זעהסט?
— דער וויין איז דעליציעז! מהם, איך זעה.
— דאס איז א שוהל, א אידישע שוהל, מיין ליעבער,
אויף וועלכער די גבאים זענען שולדיג נאך
פיער טויזענד זיבען הונדערט דאלער
דעם גוי האמילטאן, וואס האנדעלט מיט הייזער
און מיט לעבענס־פארזיכערונג.

טרינק דיין וויין און עס דיין עפעל. —
פרומע קאטאליקען (מן הסתם פון אירלאנד),

האָבען דאָ מיט יאָהרען — יאָהרען צוריק,
ווען מען פלעגט נאָך אויף דער איסטסייד
דעקלאַמירען דאָקטאָר גראַן —
אויפגעבויט אַ קען־זיין־גוט־געמיינטע קירך,
אַ קאַטוילישע קירך, —
האָט זיך די קירך נישט באַצאָהלט.

— גיעס דיר אָן נאָך וויין און נעם אַ האַלבען מילגרוים. —
האָט זיך די קירך נישט באַצאָהלט.

אויף אַ ליציטאַציע האָט אַ איד,
(מיט'ן ערשטען נאָמען באַרני — ברוך פון דער היים),
אָפּגעקויפט די קירך — בזול הזול.
און עפּעס דאָרט איבערגעמאַכט
און איבערגעבויט,
און אויסגעהאַקט,
און צוגעשטעלט,
און איבערגעאַנדערשט אזוי,
אַז עס איז דאָרט געוואָרען אַ באַנק
און די באַנק האָט באַנקראָטירט.

— דער אַנאַנאַס איז וואונדערליך געשמאַק!
אין ווארשע קאָסט ער א פינף זעקס רובעל אַ שטיק. —
און די באַנק האָט באַנקראָטירט.

האָט מען ווידער דאָרט איבערגעמאַכט
און איבערגעבויט,
און אויסגעהאַקט,
און צוגעשטעלט,
און איבערגעאַנדערשט אזוי,
אַז עס איז דאָרט געוואָרען
אַ העצערטעאַטער פאַר שפּל'ע מענשען.
האָט דאָס העצער־טעאַטער אויך נישט געמאַכט קיין סוקצעס.

יאָ, פון רהיימס. פון רהיימס קומט דער וויין.
און איצט ווערען מיר נעמען
צוויי רויטע גלעזלעך גרינעם קאָניאַק. —
האָט דאָס העצער־טעאַטער אויך נישט געמאַכט קיין סוקצעס.

דערנאָך איז די געביידע —
זעהסטו, זעהסטו, מיין ליעבער —
געשטאַנען צוויי דריי יאָהר מיט אויסגעהאַקטע שויבען.
ביז איינמאָל האָט מען אויפגעהאַנגען דאָרט
אַ גרויסע צעראַטענע שילד:
שבת, דעם דרייאונצוואַנציגסטען,
אַ גרויסער קאָנצערט פון אַ חזן. —

אַ קאָנצערט פון אַ חזן. —
אַ קאָנצערט פון אַ חזן.

טרינק נאָך אַ גלעזעל ווייַן,
טרינק נאָך אַ גלעזעל ווייַן.
טו אַזוי, —
גיעס אַריין דעם קאָניאַק אינ׳ם ווייַן. —
אַ קאָנצערט פון אַ חזן.

אַזוי אַרום איז זי געוואָרען דאָ, די שוהל.
די שוהל, די שוהל, מייַן ליעבער.
דעם חזן צו פאַרדאַנקען.
אַ ריהרעוודיגער יונג,
אַ גלענצענדער אויסוואורף;
טראָגט געלע שיך, דער שליח ציבור —
און האָט שוין זעכצען טויזענד דאָלער אין דער באַנק.
זינגען אָבער זינגט ער —
נסים ונפלאות! —
איבערהויפּט „טשעלעסטע אַאידאַ."
ווען נישט דער קליינער וואוקס, וואָלט ער,
מיינט ער,
געזונגען אין דער אָפּער.

נעם די טייטלען אין אַ גלעזעל זויערען ווײַן. —
אַ ריהרעווודיגער יונג,
אַ גלענצענדער אויסוואורף,
טראָגט געלע שיך, דער שליח ציבור —
און האָט שוין זעכצען טויזענד דאָלער אין דער באַנק.

מיר קענען זיך גוט און מיר טרעפען זיך אָפט.
יעדער פון אונז טוט אויס די רעכטע הענטשקע
און מיר דריקען זיך פעסט די הענט.
איך האָב צו'ן איהם גאָר נישט,
נאָר ער האָט צו מיר:
פאַרוואָס איך פאַרנאַכלעסיג זיין שוהל —
זיין שטים האָט זיך פראַכטפול ענטוויקעלט,
ער נעמט שוין אַצינדערט די אויבערע צע.

און נעכטען, זעהסטו, האָט זיך עס אַזוי געמאַכט,
אַז איך בין געבליבען שטעהן אין מיטען גאַס
און האָב מיך אויף אַ לאַנגער ווייל פאַרטראַכט און פאַרבענקט,
נאָר אויסגעוויזען האָט זיך מיר אויף אַ רגע,
אַז נישט אין מיטען גאַס, נאָר אין מיטען הארץ פון פאָלק ישראל
שטעה איך עס אַזוי און טראַכט און בענק.

נעם דאָס רויטע גלעזעל,
נעם דעם זילבערנעם פּרוכט־גאָפּעל,
און קום אַוועק פון פענסטער, —
עס יאָגט אַ שטאַרקער ווינט!

# אַ טאָג מיט ים־באַגלייטונג

ס׳רוישען פון שטאָט וועקט מיך אויף אין דער פריה, —
(ערגיץ רוישט דער ים זיין מאַרגענליעד).
ביים פרישטיק איז דאָס ווייב ליעב, און ס׳קינד זאָגט:
איך האָב ליעב ברויט מיט האָניג און דעם טאַטען מיט דער
מאַמען, —

(האַנדעלס־שיפען וועלען היינט זעגלען רוהיג).
„קאָך היינט פיש מיט גרינע אַרבעס. —
איך געה אויף דער פאָסט באַלעגען אַ בריעף,
דערנאָך אין דער ביבליאָטעק —
איך דאַרף „די צוויי עדעלייט פון וועראָנא“ אין דייטש
און שלום עליכם׳ס צווייטען באַנד.“
(וואונדערליך איז איצט דאָס זון־שפיעל אויף די ים׳ען).
פיער אַ זייגער — נאָך דער סיעסטא —
געה איך זעהן מיט מענשען וועגען געשעפטן.
(איז איצטער ערגיץ אַ שטורם אויפ׳ן ים? ניין!)
ס׳איז וואָלקענדיג אין דרויסען און איך נעם מיט דעם שירם.
ער זאָגט אַ פאַלש וואָרט און שמייכעלט פאַר מיר,
איך זאָג אַ פוסט וואָרט און שמייכעל פאַר איהם.

(דעם שונא׳ס שרעק־שיפען לויערען ארום ווייטע אינזלען).
דער אָוועגט איז דאָ.
(די זון וואַשט איצט איהר ליכטיג האַרץ אין אַלע ים׳ען).

ווייב און קינד שלאָפען.
די שטאָט האָט וועניגער פיעבער.
איך טהו אָן מיינע יאַפּאַנעזישע שטעקשיך, — אָה!
(ערשט איצטער זינגען אַלע ים׳ען).
איצט באַגעגען איך מיך מיט מיר אויג אויף אויג,
און איך קוק מיך לאַנג אָן אויג אויף אויג.
(אַלע בייזע ווינטען רייטען איצטער אויפ׳ן ים).
איך שלאָף איין —
(ווי אַ וויאָסלע אין אַ לעדיג שיפעל) —
מיין שלאָף איז שוין מיעד פון איינשלעפערען מיך.
(דער ערשטער מאַטראָז וואָס קומט מיר צו חלום
וועט וויסען מיין לעבען!)

# מיניאַטור אין דער סאָד־גאַם

צווישען די רעדער פון די שטופּוועגלעך
און די באַשטיוועלטע פיס פון די סוחרים,
רינט און זאַמעלט זיך אין לוזשעס
דער צוגאַנגענער שניי.
צווישען צוויי וועגעלעך
האָט זיך פאַרזעצט אַ שטיק שניי
און וויל נישט צוגעהן.
אויף דעם ווייסען אינזעל
שטעהט אַ קליין אינגעלע
אין שוואַרצע שיכעלעך און ברוינע זעקעלעך.
עפּעס איז איהם אומבאַקוועם
אין די וואָלוועל־סאַמטענע גרינע הייזעלעך,
און שעהמען זיך איז אַ געפיהל,
וואָס ליגט איהם נאָך פאַראויס אין לעבען, —
מאַכט ער דאָ אַ גרויסען גרויסען פיילענבויגען.
און אויפ׳ן ווייסען אינזעל ווערען שוואַרצע רינשטאַקלעך,
וואָס זעהען אויס, ווי די קאַנאַלען אויפ׳ן מאַרס...

## פאַר אַ שלש סעודות און פאַר אַ מלוה מלכה

דאָס דאָזיגע ליעד איז פאַר אַ שלש סעודות
פון מיינע דערוווייטערטע קינדעריאָהרען,
אינ׳ם גערער שטיבעל אויף דער גרויסער גאַס,
און פאַר אַ מלוה מלכה ביי מיין מאַמען דער אלמנה,
לאַנגע יאָהרען נאָכ׳ן טאַטענ׳ס טויט.
פאַראַכטאָגען שבת, נאָהנט פון בין השמשות,
בין איך איינער אליין אין אַ פרעמדער גאַס,
אַ פריש־געגאָלטער און אן אויסגעפוצטער ווי א גוי,
געזעסען אין אַ גריכישער גאַרקיך,
געגעסען שאַרפע גרינסען, גראָזען,
געמילדערטע מיט וואָלוועלען בוימעל,
און אנטקעגען מיר, ביים נישט־באַדעקטען טישעל,
איז האַלב־געזעסען און האַלב־געשטאַנען
און אָהן אַפעטיט מיט מיר מיטגעגעסען —
מיין אומעט,
דער היטער פון מיין באַוועגליכען זכרון.
ביז איצטער נאָך געדענק איך,
אַז כ׳האָב מיט באַרען זילבער באַצאָהלט פאַר צווייען

כאָטש לויט'ן חשבון איז מיר דאַמאָלס אויסגעקומען,
אַז כ'האָב בלויז באַצאָהלט פאַר מיין אומעט'ס מאָלצייט.

און שפּעט ביינאַכט פון יענעם שבת,
מיט אַ לייכטזיניגער חברותא,
ביים רויטען פלייש און שלעכטען וויין,
האָב איך געטרונקען און געגעסען און געזונגען
און פאַר'ן חבר צו דער רעכטער האַנט
באַקלאָגט זיך אויפ'ן מאָגען,
און דער חבר צו דער לינקער
האָט מיך אויפמערקזאַם געמאַכט,
אַז מיין ביפשטיק איז צו רויה
און כ'זאָל איהם בעסער מעהר נישט עסען,
ווייל די אויגען מיינע זענען פול מיט טרערען.

יאָהרענדיג פאַמעליך איז מיר פון זכרון
אָפּגעווישט געוואָרען די שעהנקייט פון דער היים,
און דער שלש סעודות און די מלוה מלכה
זינגען נאָך אין מיר אַלץ שטילער, וויטער,
ווי דער רייכער ריח פון וויעגליעדער
אין אַ דערוואַקסען קינד'ס זכרון.

## אַנ׳אָווענט אין שטוב

וואוהין, וואוהין, מיין איינציג קינד,
זאָל איך ווייעדער געהן שפּאַצירען?
אַראָבגעהן אויף דער שמאָלער,
געדיכט־בעמענשטער גאַס?
שפּאַצירען צווישען די,
וואָס שפּאַצירען קיינמאָל נישט?
וואוהין, זאָג, מיט מיין בלוטיג האַרץ,
זאָל איך שפּאַצירען געהן?

געהען מיר פאַרביי דעם אַלטען גאָלדשמיעד —
דער פעטער יוסף מיינער,
וואָס האָט אַ שפּייז־געוועלב אין זשאַמייקע,
זאָגט, אַז ער געדענקט איהם,
ווען ער איז געווען אַ זייגער־מאַכער
אויפ׳ן אַלטמאַרק אין דער היים —
געהען מיר פאַרביי דעם אַלטען גאָלדשמיעד
און צווישען דעם געשליפענעם גלאָזוואַרג,
אין דעם ברייטען פענסטער,
שיינט די כתר תורה, —

וואָס היינט אין דער פריה ערשט
האָבען זי געהאַלטען אין דינגען
אַ סעקרעטער און אַ וויצע־פּרעזידענט
(ביידע — האַרעפּאַשנע אידען)
און שוין געבאָטען
זעקס־און־צוואנציג און אַ האַלבען טאָלער. —
און נישט ווייט פון דער כתר תורה,
צווישען א געגילטער יד און א זילבערנער פּסאַמביקס,
אויף אַ שטיקעל גרינעם סאַמעט,
רייצט זיך מיט מיין הייליגקייט
אַ פאַרשייט און סומנע־שטראַלענדיג גאָלדען צלמ'על —
וואוהין, וואוהין זשע, זאָג מיר, איינציג קינד,
זאָל איך ווייטער געהן שפּאַצירען?
און געהען מיר פאַרביי דאָס ספרים־האַנדעל —
פאַרוואָס פיהל איך אַזאַ פאַרצאָגטען שמייכעל
אויף מיין פּנים און אַזאַ היימישען וועהטאָג
אינ'ם יונגען האַרץ? —
און געהען מיר פאַרביי דאָס ספרים־האַנדעל,
מוזען מיר צוזעהן
מיט וויינענדיגע, וויינענדיגע יונגע אידישע הערצער.
צוזאַמען מיט אַ גאַנג חומשים —
פּאַסקאַרעלאַ און מאַדאַם באַבעטאַ.

און ווען, קינד, האָב איך דען בייז געטהון,
אַז מיר זאָל צוהאַנדען קומען
דער שמש מיט'ן הארטען קאפעלוש,
וואָס וויל מיר פארקויפען אַ בילעט,
אויף וועלכען ס'שטעהט בפירוש
מיט עגלעריפע אותיות: מאסקער נעשאַמעס.
און פאַרוואָס, פאַרוואָס, מיין איינציג קינד,
זאָל איך עם דארפען וויסען,
אַז דער תלמוד־תורה־איד
מיט דער קופּפערנער פושקע,
נעמט פערציג פראָצענט
און מאַכט גוטע געשעפטען?

כ'וועל בלייבען דאָ.
אין שטוב ביי אונז איז אַזוי היימליך־אומעטיג,
דו טהוסט דיין וואָכעדיגע ארבעט,
וואָס ווערט דורך דיין טהון זי געהייליגט;
און איך באטראכט דיין ליעב געשטאַלט
און טראַכט:
שוין עטליכע חדשים, ווי מיר וואוינען אין דער דירה
און די טהירען זענען אָהן מזוזות.
און איצטער איז שוין זיבען, ס'אַכטע יאָהר

ציִיט מיר האָבען ביידע חתונה געהאַט
און מיר האָבען נאָך פון קיינעם קיינמאָל
קיין דרשה־געשאַנק נישט באַקומען.
איך האָב נאָך קיין טלית נישט —
פון אַ קיטעל אָפּגערעדט —
און דו האָסט נאָך אויף שבת קיינמאָל
קיין ליכט נישט אָנגעצונדען.
אוי, ווי דאָס מאַכט היימליך־אומעטיג
ביי אונז אין שטוב.

אזוי וועלען מיר זיצען דאָ,
מיין גאָלדען קינד, מיין הייליג ווייב,
ביז די ווענט פון אונזער שטוב
וועלען שטיל און פייערליך
פאמעליך זיך בעוועגען
און דערמיט בעשטעטיגען,
אַז זיי פארנעמען אונזער אומעט.
זעה נאָר, קינד, אויף דער וואַנט
דאָס בילד פון פּרץ׳ן עליו השלום, —
ווי שעהן זיין פנים גליהט,
דו הערסט דעם נגון, וואָס ער זינגט?
אוי, ווי דאָס מאַכט היימליך־אומעטיג
ביי אונז אין שטוב.

## ממעמקים

פאַר אונזער חרפּה
ווער וועט זיך אָננעמען —
ווען נישט די קללה אויף אונזער צונג?
אויף אונזער בראָך
ווער וועט אונז טרייסטען,
ווען נישט די טרייסט, וואָס גליהט אין אונז?

תהלים, תהלים!
מיינע דעמפּע פּיער ווענט,
מיין פינסטערער טאָג,
מיין גאָט־געווידמעטע נאַכט,
מיין מעשענער לייכטער,
מיין טריפּענדיג ליכט
און די נשמה מיינע
פון שאַנד און בראָך.

## מיט'ן וועג פון דורות

אזוי וועלען דורות פארבייגעהן:
שטעט וועלען אַלט ווערען
און אלטערהייט זיך פאנאַנדערבליהען,
לעמפערטען וועלען וויעען אין דער וועלט'ס מדבריות,
היענעס וועלען דורשטיג זיין,
פיראַטען וועלען לויערען אין ווייטע ים'ען,
אויף שטילע וועגען וועלען וואַקסען זיסע יאַגדעס,
און אידיש בלוט,
מיין בלוט,
דאָס רעטזועל־בלוט,
דאָס אייביג אײדעלסטע און אייביג שטאַרקסטע,
וועט אין פרעכטיג־הייליגע לוזשעס
באַציערען די אומריינע ערד,
אויף וועלכער ס'טרעטען
די שלאַנגען־צונגיגע, שמוץ־גיעריגע
ממזרים־ברידער פון לאָיאָלאַ,
אזוי ווי רויטע רויזען אויף אַ קריסט'ס א קבר.

אזוי וועלען דורות פארבייגעהן:
און מיר וועלען אייביג,
ווי די לוויים אונזערע,
זינגען דאָס ליעד פון אונזער הייליגקייט,
און אייביג צו די הימלען
וועט ציעלען און גרייכען אונזער געזאַנג:
צום הימעל איז אונזער ליעד,
צום הימעל איז אונזער ליעד.

# לעוויט׳ס טאַבאַק

זעכצען מענשען האָבען מיר געאַקערט
דאָס טאַבאַק־פעלד,
(דעם לעצטען פון די עלף אַקער קוקורוזע
האָבען מיר אין צווייען, איך און פרעד טאמפּסאָן,
היינט אין דער פריה געענדיגט)
אימעצער האָט אויפ׳ן פאַלצעט אָנגעהויבען זינגען
אַנ׳אַמעריקאַניש גאַסען־ליעדעל,
וואָס דער אידישער בחור בערלין האָט פאַרפאַסט
און געמאַכט דערפון אַ האַלבען מיליאָן דאָלער.
די ווערטער זענען נאַריש, טיילווייז גראָב,
נאָר דער נגון גיסט זיך זאַנפטיג
און זעכצען אַקעראייזענס באַבערגלען ווייך דעם טאַבאַק,
זינגענדיג דאָס גוי׳אישע לידעל
מיט דעם אידישען נגון.
זעכצען אקעראייזענס — זעכצען אומאָפהענגיגע מענשען.
פאר וועניגער פון צוויי מיט אַ האַלבען דאָלער אַ טאָג
אַרבעט קיינער נישט,
ארויף און אראָפּ און ארום און ארום —
דער האוואנא־טאבאַק איז געראָטען,

מאָרגען מאַכען מיר גרייט די שייערען,
אין צעהן צוועלף טעג ארום וועלען מיר שניידען.
הינטער׳ן זעקסטען שייער מיט די אָפענע פליגלען
האָבען מיר אָנגעהויבען,
און איצטער האַלטען מיר שוין ביי מיסטער לעווית׳ס הויז.
— העי, דזשאני, ריים דאָרטען אַפּ זעכצען עפּעל.
ברענג אַרוים אַ עמער וואַסער מיט דער שעפּ פונ׳ם הויז.
און בעט ביי מיסעס לעווית א גרוים שטיק אייז.
— העי, דזשאני, פארגעס נישט דאָרט צו זעהן, ווי שפּעט ס׳איז.
זעכצען אַקעראייזענס — זעכצען אומאפּהענגיגע מענשען.
זעכצען האָבען מיר געאַקערט
דאָס טאַבאַק־פעלד.

## זוכענדיק אַ הייליק וואָרט

אַ פאַרוועלקטער טוליפּאַן,
וואָס דו האָסט מיט יאָהרען צוריק,
אַ נאַרוואָס געשאָכטענעם,
אריינגעלעגט אין מיין ליעבען
בן־יהודה׳ס ווערטערבוך —
פאַרמאָגט דעם קרישטאָלענעם שליסעל
צו עפענען פאַר מיר דאָס טהירעל
פון דער וואונדער־הייל,
וואו עס ליעגען געפאַנגען
אַ סך פון מיינע בליהענדיגע טעג.

און איצטער, ווען איך זוך אַמאָל
דאָס קלאָרע ליכט, וואָס גליהט
אין אַ הייליג וואָרט,
וועהט אויף מיר דער אטהעם
פון דעם אַלטען טוליפּאַן
און אַ הימעל־האַנט גלעט מיר
מיינע אַקסלען און מיין פּנים
און פיהרט מיך אויף טעפּיכער

פון אויסגעשטערנטע הימלען,
ווייט אַראָב דורך אַ לאַנגען פינסטערען פּאָדערהויז,
וואו איך טרעף מיך אַליין אין צוויי געשטאַלטען —
אַ ליכטיג יונגעל מיט זינגענדיגע טריט
און א ווינדאונוועה־מענש מיט אַ גאַליג האַרץ.

דאָרט פאַלען זיך די צוויי געשטאַלטען אויפ'ן האַלז
און דער אָרעמער שאָטען זייערער
שרעקט גאָט'ם שטוהל.

און דער ווינדאונוועה־מענש שלייכט זיך אריין
אין דער אוצר־קאַמער פון דער וואונדער־הייל
און דריקט זיין פאַרטערט פנים צו די ווענט פון עלפאַנטביין,

באָדט זיינע לאכענדיגע הענט אין זעקלעך פּערעל,
וואָס זענען פארוואנדעלטע זוניגע טעג,
קושט אַלץ, וואָס איז הייליג,
בוקט זיך פאַר יעדען ווינקעל
און וויל נישט אויפהייבען דאָס פנים מעהר
פון דעם שטיינערנעם דיל.

און ווען דער טייטוש פונ'ם וואָרט
געהט מיר אויף אין זינען,
רייסען מיך אויף דריי גזלנים,

פלעכטען א רעטעניש־קניפּ פון זייערע זעקס הענט
און בליצען מיר דורך דורכ׳ן פינסטערען פאַדערהויז.

דער טויטער טוליפּאַן ליעגט ווייטער אין זיין הייליג קבר
און איך בין ווידער
דער איינגעבויגענער מענש איבער׳ן בוך.

## דריי בורשטינענע שיסלען

אין פריהען אָנהויב פון׳ם לעצטען הערבסט
האָב איך מיר איינגעקויפט מיט מיינע גראָהע גראָשענס,
דריי בורשטינענע שיסלען.
אין איינער פלעג איך וואַשען מיר מיין אָרעם גרעט,
אין איינער קנעטען מעהל מיט בוימעל,
און אין דער דריטער פלעגט אַ גאַנצען ווינטער
אַרומגעהן א לעבעדיג פישעל,
וואָס איך האָב יעדען טאָג געקויפט אויפ׳ן מאַרק.
און ווי דער פריהלינג איז נאָר אָנגעקומען,
האָב איך איינע אַוועקגעשענקט דעם רב
פאַר פסק׳ענען אַ גרינגע שאלה,
איינע האָב איך, צו אן אַלטען טעפער אויפ׳ן מאַרק,
פאַרקויפט פאַר אַ שבוש,
און אין איינער האָט מיין זוהן זאַמד זיך אָנגעשיט
און געמאַכט אַ טייך פון אייגענער ערפינדונג.

פריהלינגצייט און זומערצייט
בעדאַרף איך נישט קיין שיסלען.

און ווען דער הערבסט וועט קומען
און דאָס גראָהע בוך פון טאָג נאָך טאָג

וועט זיך ווידער בלעטערן
פאַר מיינע בענקענדיגע אויגען,
און וואַנדלענדיג אין לאַבירינט
פון רעלסען, רעדער, רייד און אומעט
וועט עס מיך ווידער פאַרקלעמען,
אזוי ווי די לעצטע שווערע אַכט ניין הערבסטס,
וואָס איך האָב איבערגעלעבט, —
דאַמאָלס אין מיין איינזאַמער תמימות,
וועל איך ווידער געהן זוכען
מיינע דריי בורשטינענע שיסלען.
און דאַמאָלס קען נאָך זיין, —
איך זאָג דאָס שטילער,
ווייל ס'איז איצטער פריהלינג,
און יעדען פריהלינג צווייפעל איך אין דעם —
דאַמאָלס קען נאָך זיין,
אַז אין איינער פון די דריי
זאָל איך מישען קרייטעכצער,
וואָס קענען פארברענען די לונגען אויף אייביג.
(ווי לאַנג געדויערט אייביג?)

# וואו איז דאָס לאַנד ?

ביים אידישען מלך אין קרוינזאַל איז לוסטיג:
פלאַטערדיג זיידענס און קלימפּערדיג זילבער,
פאַרבען, וואָס נישט יעדענס אויג קען זיי זעהען,
אידישע טענץ פון אַ ווייטען פארצייטענס,
רייכע ניגונים פון צייטען נאָך עלטער.
קינדער אין בלאָהען מיט העבאָנע פלייטען,
מיידלאך אין ווייסען מיט לופטיגע גליעדער,
מלך און מלכה מיט בעכערס געהויבען:
ביים אידישען מלך אין קרוינזאַל איז לוסטיג.

ביים אידישען מלך אין קרוינזאַל איז פינסטער:
פינסטער ווי אַ פאַרוואָגעלטער אומה׳ס נשמה.
אין שווארצע געזוועגדער אויף דר׳ערד ליגט אַ חלום,
די ליכט שוין פאַרלאָשען פון טויזענטער יאָהרען.
הויפּענס מיט ביינער צעפּרעסען פון צייגער,
אזוי ווי דער טויט וואָלט אליין זיי געגריזשעט
און וואָלט זיך פארסמ׳ט און אליין אויך געשטאָרבען.
פעסט, גרויל, פעסט, ווייטער אונטערגאַנג:
ביים אידישען מלך אין קרוינזאַל איז פינסטער.

## וועגען דעם אויסטערלישען קאַרטעל
## (מיט׳ן אויפגעלעבטען אָדלער),
## וואָס קיין בריעפטרעגער האָט נישט געבראַכט

שפעט אין דער נאַכט
האָט אָנגעהויבען גיעסען אַ שלאַקסרעגען
איבער נויאָרק דער שטאָט,
און אַלע די, וועמען די דונערען און בליצען
האָבען אויפגעוועקט פון נארהאפטען שלאָף,
האָבען א ווייל געקוקט און א ווייל געהערט
אין דער היימליכער פינסטער,
און זענען ווידער איינגעשלאָפען
אונטער׳ן קלאַנג פון רעגען.
אין דער פריה א זייגער ניין האָט נאָך אַלץ גערעגענט,
און די גאַסען, וואו מען וואוינט און וואו מען האַנדעלט,
האָבען געפלייצט מיט מענשען אין קאַלאָשען,
און מיט שווארצע פאַראַסאָלען.

מארטימער נאָרמאַן הירשענהיימער —
א איד, אַ איד ווי איך און דו,
האָט א קייסערליכע היים

אין דער זיבעציגסטער גאַס,
ביי דער פינפטער עוועניו.
(די אילוסטרירטע „אַרכיטעקטור־וועלט“
האָט זי אין לעצטען נומער באַשריבען
אַלס אַ מייסטערשטיק אין יעדער הינזיכט).
מאָרטימער נאָרמאַן הירשענהיימער —
אַ איד, אַ איד ווי איך און דו,
איז אַ גוטער, גוטער איד.
זיין געשעפט און זיין משפחה
מעג געגליכען ווערען
צו די ראָטשילדס און די מאָנטעפיאָרעס,
אין עשירות, כבוד, יחוס, שטעלונג אין דער וועלט.
מאָרטימער נאָרמאַן הירשענהיימער
איז אַ איד, וואָס זעהט זיך ביי דער וועלט אָן
מעהר ווי איך און דו.
מאָרטימער נאָרמאַן הירשענהיימער
איז ארויסגעגאַנגען ניין אַ זייגער אין דער פריה
פון זיין הרחוה׳דיגער היים
מיט אַן אָפענעם פּאַראַסאָל
צו צום פאַרמאַכטען לימוזין,
מיט וועלכען ס׳האָט דער נעגער
לאַנג געוואַרט שוין ביים פּאָרטאַל.

װיפֿיעל לעבן גאָט באַשערט עס
יעדן קלענסטן שטיקל ערד,
און װאָס עס קען זיך אַלץ פֿאַרלױפֿן
אין אַ מענטשנ׳ס װעג.
שפּרײַזנדיק די קנאַפּע דלת־אמות,
האָט זיך דער גאַלאַנטער הירשענהײמער,
מײַן אײדעלער גלױבנס־ברודער, אײַנגעבױגן,
צום נעגער׳ס גרעסטער שטױנונג,
און אױפֿגעהױבן פֿונ׳ם נאַסן,
שפּיגלדיקן טראָטואַר —
אױפֿ׳ן נאַסן שפּיגלדיקן טראָטואַר
האָט דער רעגן אָהן אױפֿהער געצײכנט
אַ שװינדנדיקע, עקזאָטישע, אידישע שריפֿט —
און פֿונ׳ם נאַסן, שפּיגלדיקן טראָטואַר
האָט מאָרטימער נאָרמאַן הירשענהײמער
אױפֿגעהױבן אַן אױסטערלישע קאַרטל,
(מיט אַן אױפֿגעלעבטן אָדלער),
װאָס קײן בריעפֿטרעגער האָט נישט געבראַכט.

דער לימוזין לױפֿט געלאַסן,
צװישן צען און פֿופֿצן מײל אַ שעה,

אראָפּ דעם גרויסען ווייסען וועג.
אויף די שווערע גומענע רעדער
זענען אָנגעטהון די קייטען,
די פענסטער זענען פארמאַכט,
און אינעווייניג זיצט און שטוינט
און אָטעמט אָפּגעהאַקט מיט א גאָט׳ס שליחות —
הירשענהיימער!
אויף דער אדרעס־זייט איז אָנגעשריבען
מיט — ווי קען ער צווייפלען דען, אז דאָס איז בלוט? —
איין איינציג וואָרט: ישראל.
און אויף דער אַנדערער —
מיט בלוט, מיט בלוט, מיט בלוט, —
שטעהט געשריבען אָט אזוי:

פון מיר צו דיר.
דער אויפגעלעבטער אָדלער
רייסט זיך צום פליה
און פארשטעלט מיר דעם הימעל.
מיט די אָדלער־נעגעל שפּארט ער זיך
אָן מיין הארץ אָן און רייסט זיך צום פליה.
העלפסטו מיר — העלפט דאָס דיר.

העלפסטו נישט — געהסטו אונטער גלייך מיט מיר.
ישראל.

גאָט׳ס שליחות איז איהם קלאָר,
דעם יונגען איד.
טראַכט ער (אין אייגענטימליכע טערמינען):
צי ווייל איינער איז געבוירען אין א גאָלדען הייבעל,
און א ברודער זיינער
אין א רעגענדיגען, שדים׳דיגען פרייטאָגצונאכטס —
קען עס שוין עד סוף כל הדורות
נישט אַנדערש ווערען ?
און ער זוכט און זוכט דאָס אויסטערלישע קארטעל,
נאָר מעהר ווי דאָס פייערדיגע כתב
וואָס גליהט ווי אַ שטעהן־געבליבענער בליץ
אין זיין זכרון — קען ער נישט געפינען.

ווי שעהן איז דער בן־אדם,
ווען זיין הארץ איז נישט נאָר דער בלוט־קניפ פונ׳ם גוף,
נאָר אויך דער סידור, אין וועלכען די נשמה דאווענט.
ווי שעהן ס׳האָט אויפגעשיינט דאָס פנים
פון מאָרטימער נאָרמאן הירשענהיימער, —
און אויפ׳ן פאָן פון טריבען לעבען

האָט עס אויפגעלויכטען,
ווי א פארבלאָנדזשעטע זון פון א שענערער וועלט.

געשווינדער אביסעל לויפט דער צירליכער פעקארד
און טראָגט דעם נאָהנטען דערלייזער
פון אלפי־אלפים ברידער אידען —
נעהנטער צו דער וואנט־גאַס,
צו זיין שווערער מויער,
וואו ער פיהרט די געשעפטען זיינע
מיט באַנקנאָטען, געלט־פאפירען
און פארוואנדטען האנדעל־וואנדעל.
ארוים פון׳ם אויטאָ, א קלאפ מיט׳ן טירעל,
דער נביא געהט האסטיג אריין אין דער באנק.
ס׳קלאפען, קלאפען, קלאפען אָהן אן אויפהער
הונדערט שרייב־מאשינען
און פיהרען די פארבינדונגען
מיט אלע עקען וועלט.
ס׳רעדען, רעדען, רעדען
די בעאמטע און די קונים,
און ס׳זאמלען זיך געזעצליך
די מיליאָנען הירשענהיימער׳ס.

אליין, אליין זיצט ער דאָ אצינד, אליין
אין זיין פּריוואַטער שרייב־שטוב
מיט׳ן װענעציאַנישען פענסטער
און פלאָרענטינישער גלאָז־טיר
ביים מאהאָגענעם שרייבטיש,
און מישט אליין דאָס גרויסע בוך,
וואָס זאָגט איהם, קלערער איצט ווי אַלעמאָל,
אז מאָרטימער נאָרמאן הירשענהיימער
איז װערט אין געלט ביי דער גרויסער װעלט
אַ קאַרגען ערך פון דריי מיליאַרד.

פאראנען פעלקער, וואָס לעבען אויף באָרג:
מען באָרגט אויף ברויט און אויף געוואַנט,
אויף אַקעראייזענס, אויף געהילץ און רויהע שטאָל;
מען צאָהלט די אויסגעלאסענסטע פּראָצענטען,
און ס׳איז קיין נאציאָנאלע חרפה נישט צו באָרגען
א קליינעם טייל פון דריי מיליארד.

דאָס וויסט מיין יונגער גלויבענס־ברודער
און טראַכט מיט פארמאַכטע אויגען,
אין דער באַגלייטונג פון גליהענדיגע,
שטייגענדיגע און פאלענדיגע פייערען,

פון וועלכע ס'וועבען זיך — לויט בערגסאָנען — חלומות:
פאַרוואָס דאָס איז, וואָס ער און איך און דו,
וואָס מיר קענען אַזוי גוט די פעלקער, —
ביי די אַלטע — זייערע הארבע דרכים,
ביי די יונגע — זייערע חבלי־לידה,—
פאַרוואָס מיר באַרגען זיי אַוועק אָפּט
געלט און גייסט און בלוט
און נעמען נאָר פּראָצענטען פון'ם געלט?
פאַרוואָס דאָס איז, וואָס ער און איך און דו
לעבען אין דריי טיילען פון דער וועלט,
אין דריי לענדער פון א קאָנטינענט,
אין דריי שטעט פון אַ לאַנד,
אין דריי גאסען פון א שטאָט,
אין דריי הויפען פון א גאס,
אין דריי שטובען פון א הויף,
און שפּינען דריי פעדים פאַר די זיבען וועלטען
פון נישט איהם און נישט מיר און נישט דיר.

ווער איז ער און ווער בין איך און ווער ביזטו?
מיר זענען קינדער דריי
מיט א גאָלדענעם טראָמפּייטער.

אונזער ציעל און אונזער שפּיעל איז אַ קינדער־מאַרש,
אַרום די ברעגען פון דער וועלט,
מיט'ן גאָלדענעם טראָמפּייטער.

און ווער זעהט אונז? דאָס אויג וואָס זעהט.
און ווער הערט אונז? — דאָס אויער וואָס הערט.

— איצט איז מיין רייה — זעהט מיין ברודער —
צו זינגען דאָס ליעד פון מיינע מיליאַרדען, —
דאָס גאַסענליעד פון דער וועלט.
רענדעל, רענדעל, די האַק האַלט איין.
ווי דען, ווי דען?
רענדעל, רענדעל, קויף איין אַ לאַנד.
שוין איינגעקויפט.
רענדעל, רענדעל, באַפריי מיין פאָלק...

און מאָרטימער נאָרמאַן הירשענהיימער
צינדט אויפסניי אָן זיין אויסגעגאַנגענעם ציגאַר
און הילט ווידער איין זיין נביא־פּנים
אין אַן אַראָמאַט פון רעגענבויגען־רויך,
וואָס איז געוואַקסען אויף קובאַנער פעלדער.

אזוי ווי ביי א הייליג פּאָלק א קינסטלער
אין א רגע פון דערהויבונג.

האַט אַ גליה געטהון זיין מח.
ס׳הארץ האָט אויפגעשטורעמט
און זיין האַנט האָט, ווי דעם סקולפּטאָרס צו זיין דלאָטע,
זיך געשטרעקט צום טעלעפאָן.
א לאַנגע, לאַנגע רייהע אידען,
מיט געלט־געשעפטען אין דער וואַנט־גאַס,
האָט ער אויפגערופען
אויפ׳ן איידעלען, געטאָקטען טעלעפאָן,
האָט גערעדט צו זיי לאנג און זיכער,
מיט זילבערנע שוימיגע רייד
פון א נאָהענטען פריינד און א יונגען נביא.
און איידער נאָך די זון האָט יענעם אָוונט אָנגעצונדען
די פּאַליסאדען פון מעריב נויאָרק,
און איידער נאָך דער פּלאַץ אַרום דעם ראָטהויז
האָט געפליצט מיט אהיימגעהער
פון די ארומיגע האנדעל־קאַטעדרען,
האָט מאָרטימער נאָרמאן הירשענהיימער
געהאט א קימא־לן פון ניין מיליאַרד,
(ארייגערעכענט זיינע צוויי),
פאר א אידישער הלואה.

אַזוי אַרום זענען מיר געוואָרען.
פון אונזערע געדערים
איז געקומען די ישועה
און ווער עס זעהט דעם סוף פון אַלעם,
דער וועט זעהן דעם זונאויפגאנג
אויף די ברעגען פון דער וועלט,
וואו מיר קינדער דריי מארשירען
מיט'ן גאָלדענעם טראָמפּייטער.

## וועגען געבעקס

באַך א לאַנגער צוטומעלטער רייזע
צווישען אויסגעלאָסענער פראַנצויזישער פאסטרי,
געשווינדעלטען לעקאך
און לעצטע ערפינדונגען פון זיס־בעקעריי,
בין איך אָנגעקומען אין דעם שטילען דאָרף,
וואָס רופט זיך: ברויט מיט פוטער.

איצטער זעה איך נישט אין חלום מעהר
קיין שאנסאָנעטקעס אין פליטער־קליידער,
אונטער פייערען פון פורפור, גרין און געל.
איצטער שלאָף איך אין מיין שלאָף אין טיפען קאָרן,
ווינש מיר איך זאָל לעבען הונדערט צוואנציג יאָהר,
העך ווי ס׳מעקען אין דער וויטענס קיה און קעלבער,
זעה ווי אויפ׳ן שליאך געהט א יונגעל,
טראָגט אַ קאַן מיט מילך און א נאסע שמאטע
און קוקט, ווי ס׳טאנצט איהם פאר דער נאָז
א רויט־ברוין זומער־פייגעלע, וואָס זעהט אוים
ווי פון זיידענס אויסגעהאָפטען
און פון זון און ווינט געטראָגען,

און עס גערט פארראַצט — דאָס יונגעל.

ווען גאָט זאָל געבען,
מיין נשמה זאָל זיך נאָר בערוהיגען,
וועל איך מיר לאָזען אויסשרייבען
מיינע בירגערפאפירען אויף פארמעט,
אין דעם שטילען דאָרף, וואָס רופט זיך:
ברויט מיט פוטער.

## נפתלי לויפט

— נפתלי לויפט...
דער טאָג איז דער שענסטער, וואָס א סיון האָט געבוירען. —
צי קלאַמערט זיך זיין גייסט דער לופטיגער
אָן די שטראַלען,
און זיין גוף אָן גייסט?
צי זענען די זאנגען, ווי שטאָלענע ריטער,
וואָס בייגען זיך נישט אונטער זיינע טריט.
צי איז ער אַ פויגעל, וואָס פליהט איבער זאנגען
און ריהרט זיי נישט אָן?
נפתלי לויפט...
און טראָגט אַ שליחות צו...
בלויז איינער לויפט פון איהם געשווינדער —
דער ווינט, וואָס לאָזט איהם זעגלען
אויף זיינע זוניגע וועלען.
נפתלי לויפט...

# ביי אַ היימישער סעודה

דער פּרעהליכסטער:

לאָמיר זיך דערמאָנען אָן אַ טויטען חבר.
און לאכען דערפאר, ווייל ער האָט געלאכט,
און טרינקען דערפאר, ווייל ער האָט געלעבט.

דער אומעטיגסטער:

זאָל איינער פאר אונז צייכענען די קנייטשען
אויף זיין שטערן,
און איינער זאָל אונז מאָלען דעם קאָליר פון זיין וועסט,
און ווער געדענקט זיין שניפּסעל אין טאָג פון זיין טויט?

אַלע:

לאָמיר זיך דערמאָנען אָן אַ טויטען חבר.
און לאַכען דערפאַר, ווייל ער האָט געלאַכט,
און טרינקען דערפאר, ווייל ער האָט געלעבט.
לחיים!

## ווען דו באַגעגענסט אַ שונא

און אין זיין האַנט אָדער אין זיין האַרץ
איז עפּעס דאָ, וואָס קען דיר שלעכטס טהון,
שפּיעז איהם דורך מיט אַנ'אייזען
אָדער מיט אַ פאַרזשאַווערט וואָרט,
וואָס זאָל איהם מאַכען פאַר אַ קרבן פון גאַנגרען.
און אפילו, און אַפּילו —
ווען דו געפינסט אַ שונא ליגענדיג אַליין
מיט ווייסע רויזען אין דער האַנט,
און די ווייסע רויזען זענען פאַרנעצט
מיט דעם בלוט, וואָס רינט פון זיין צולעכערטען גוף, —
שפּרינג אַוועק ווי נפתלי
איבער די שפּיצען פון די זאַנגען,
קויף דיר רויטע רויזען און שפּאַציר אויף אַ זוניג אָרט,
וואו דו ביזט אַליין מיט דיין פרייד.

# גראַנאַטען און מילגרוימען

אין ווייטע גערטנער פֿאַלען איצטער מילגרוימען

פֿון הויכעביימער,

אויף ווייטע פֿעלדער פֿאַלען גראַנאַטען פֿון נאָך העכער.

מיט מיין פֿערעלמוטערען מוציא־מעסער,

וואָס דערמאָנט מיך, אַז איך בין אַ דריטער דור,

שנייד איך אויף דאָס פּורפּור־האַרץ פֿון מיין מילגרוים,

שפּיעז איך דורך דאָס האַרץ פֿון תרי"ג מצוות

און טראַכט דערנאָך, ווי נאַר אַ גולם און אַ רשע קען:

פֿאַר וואָס גראַנאַטען פֿאַלן,

ווען עס פֿאַלען מילגרוימען אויך,

און פֿאַר וואָס די זון שטעהט ביים פֿינסטערען טויער,

מיט איהר אַלטפֿרענקישען לאַמטערען אין דער האַנט,

און לייכט זיי ביידען צו.

זון, דו זון —

גראַנאַטען און מילגרוימען.

# רוהענדיג

צווישען צוויי סאָסנעס, ווייט פונ׳ם הויז,
וויעגט זיך דער העמאַק, צום וואַלד און צוריק —
טיעף אינ׳ם העמאַק ליג איך מיט מיין זוהן.
רייך איז דער שאָטען אַרום און אַרום,
נאָר זוניגע בלעטלעך,
אַזוי ווי דער אָפּגלאַנץ פון אָפענע דעקלעך
פון גאָלדענע זייגערס, שפּיעלען אויף אונז.
ווער וויעגט דעם העמאַק? דער פריינדליכער ווינד.
הויך אין די צווייגען זינגען יונגע פייגעל
און עס סקריפּען די הוקענס פונ׳ם העמאַק,
ווייט אין דער ווייט קלינגט אַ גלעקעל אויפ׳ן האַלז
פון אַ קוה.

אַ קעניגליכער זומערפויגעל קרייזט אַרום אונז
און מאַכט זיך אַן אָפּשטעל מיין זוהן אויפ׳ן האַרץ.
אַ פּרעכטיגע שפּין, ווי אַ מאַטליכער רובין,
מיט זעקס שווארצע פיס ווי פון אַנגעשטייפטער זייד,
שטאָלפּערט אויף דער אַלטער קאָרע.
אויף מיין לינקען שוך האָט מיין זוהן דערזעהן

א לאַנגען, פּוטערדיגען, געלען שניידער.
א הוהנדעל האָט פאַרבלאָנדזשעט פונ׳ם הויז.
פאַרענדיגט דאָ א רעפּטעל קאָרנברויט
און צופּט די פראַנזען פונ׳ם העמאַק.
„טאַטע, שוין גענוג געוויעגט זיך.
קום קלויבען פאַר דער מאַמען בלאָהע יאַגדעס“.
שפרינגען אַרום פּיער פּיס —
צוויי שווערע, צוויי גרינגע — און טרעטען לאַנג
אויף מוראַשקעס, שישקעס און געל־רויטע נאָדלען.

## פאַר אַ זיידענוועבער

הינטער׳ן אַלטען שייער, ביים קלעצעל מיט די שפּענער,
נעבען בלאָטע־גרוב, וואו ס׳ליגען מיינע צוויי חזרים,
שטעהט אַ גראָהע בודקע מיט אַ האַרץ־לאָך אין דער טיר.
דורכ׳ן האַרץ־לאָך איז פאַרטאָג די זון אַריין
און האָט געני‌שטערט
אין יעדען ווינקעל פון דער שפּין־באַוואוינטער בודקע;
ביז וואַנען זי האָט אויפגעדעקט אַ וואונדערליכען
שפּינגעוועב,
וואָס האָט געפינקעלט און געמינגעלט,
ווי די גלעזלעך פון אַ הענגעל־לייכטער
ביי אַ חדר־אינגעל אין דער האַנט.
און וואָלט דאָס שפּינגעוועב געהאַט נאָר אַ ממשות,
וואָלט איך עס אַראָפּגענומען
אויף אַן אָפּענעם פליגעל פון אַ ווייסער טויב
און מיין געליבטע וואָלט עס אין יום טוב־טעג
אָנגעטהון אויפ׳ן פּנים פאַר אַ קאָסטבאַרען וואואַל.
נאָר שפּינגעוועב, ווי שעהן און וואונדערליך
עס זאָל נישט זיין,
האָט קיין ממשות נישט —
און איך האָב נאָר געקענט מיך וואונדערען און שטוינען

איבער די טויטע צווײ שמאַראַגדען־פֿליגען,
וואָס זענען דאָרט געלעגען בלײך און פֿריהלינגס־טויט
ווי צווײ בלאָנדע קינדער פֿון אַ טיעפֿען דענקער,
וואָס זענען שפּיעלעוודיג באַגאַנגען זעלבסטמאָרד
מיט אַ פֿלעשעל שווארצען טינט,
ביים טאַטען אין טונקעלען קאַבינעט,
פֿול מיט ביכער און מיט טויטע מאַטען.

געדענק עס גוט, מײן יונגער זײדענוועבער,
דו טראָגסט דאָך נאָך נישט קײן שפּאַקולען,
ווען די שופּלעס דײנע פֿליהען אײן און אויס:
ס׳איז הינטער׳ן אַלטען שײער, ביים קלעצער
מיט די שפּענער,
נעבען בלאָטע־גרוב, וואו ס׳ליגען מײנע צווײ חזרים.

## יונגע ליעבע

הײנט באַגינען האָט בײַ מיר אין שטוב
פאַרשמעקט מיט יונגער ליעבע.
מיט קלאָרע אויגען און אַ גליקליך האַרץ
בין איך אַראָפּ פון מײַן רײַך געלעגער
און אַרויסגעקלעהנט זיך פון אָפענעם פענסטער,
וואָס איז אַרוים צום מזרח און צום וואַלד.
מײַן בליהענדיג מײדעל־ווײַב שלאָפט נאָך
און אָטעמט מיט טהוי־געוואַשענער מאָרגענלופט
און מײַנע זיסע אָוועגט־רײַד.
איך נעם אַרײַן מײַן קאָפּ צוריק אין שטוב,
קוק מיך אום און אָטעם טיעף —
און נײַע אומבאַקאַנטע פריידען קלאַפּען אָן
מיט פײַנע גאָלדענע העמערלאך
אין מײַן יעדען פולבלוטיגען אָדער,
באָט אין הימעל, עס שמעקט דאָך דאָ בײַ מיר
מיט יונגער ליעבע.
מײַן מײדעל־ווײַב עפענט אויף די אויגען,
קוקט מיך גליקליך אָן און צו מיר זיך שטרעקענדיג

זאָגט זי: ליעבער, ליעבער, ליעבער,
פאַרוואָס האָסטו אַזוי פריה
מיך געלאָזט אַליין אויפ'ן געלעגער?
און גליקליך לאַבענדיג דערצעהל איך איהר,
אַז מיך האָט אויפגעוועקט אַ ריח פון יונגער ליעבע.
— ליעבער, ליעבער, ליעבער, — און איהר קול קלינגט מיר
ווי איילבירטען וואָס פאַלען אויף גאָלדענע טאַצען —
דו זאָגסט אַ הייליגען אמת. ביי אונז אין שטוב
פאַרשמעקט מיט יונגער ליעבע.
געמיינט האָבען מיר, מיין גרויסער ליעבער,
אַז די לאַסט פון אונזער אידיש לעבען
וועט אונז פאַרלאָקען אויף אַ ווינטער־פעלד,
וואו מיר וועלען אומגעהן
מיט'ן אָרון פון אונזער ליעבע אויף די אַקסלען.
אָבער ביידע זענען מיר יונג און אידיש
און אין אונזער נייער, שעהנער שטוב
פאַרשמעקט מיט יונגער ליעבע.

# בײַם קנאה׳דיגען אָנבליק פֿון אַלטעגליכע שעהנקײטען

קינד, מײַן קינד,
איבער אַלע שעהנקײטען פֿון לעבען
װעל איך דיך אַריבערטראָגען,
(װי אַ פֿײַערלעשער טראָגט אַ קינד
דורך אַלע ברענענדיגע שטאָקען פֿון אַ הויז)
און װעל דיך צו דער העכסטער
שעהנקײט איבערגעבען,
(װי דער פֿײַערלעשער
גיט דאָס קינד דער מאַמען איבער).

אויף אַ טאָג פֿון תּפֿילות
װעל איך דיר מײַן ליעבע אַנטקעגענטראָגען,
פֿון מײַן גלויבען אין דיר װעל איך בויען
דאָס הויז פֿאַר אונז און אונזערע קינדער.
נאָר היט מיר אָפּ דײַן שמײכעל דורכ׳ן לעבען
(װי איך היט מײַן אײנזאַמקײט
אין די לאַנגע סומנע קאָרידאָרען
פֿון יעדען טאָג).

# דער הימן צו דיין בליק

אַזוי וואָלט איך שעה'ענווייז, טעגווייז
געקוקט אין די אויגען, וואָס בייטען זיך אייביג,
אַזוי וואָלט איך שעה'ענווייז, טעגווייז געגלייבט נאָך,
אַז אַלץ, וואָס מיך קען נאָך אין וואונדער פאַרוויגען,
דאָס לעבט נאָך אין דיר.

שעה'ענווייז, טעגווייז וואָלט איך נאָך ביי דיר,
ווי אַ פישער ביים ים־ברעג געלעגען,
ס'זאָל עפּעס מיך וואונדערען, עפּעס נישט קלאָר זיין,
און דאָך זאָל מיר זיין אַזוי רוהיג און גוט.

אַזוי וואָלט איך שעה'ענווייז, טעגווייז געלעגען
און פליכטפול געהיטען די דויערענדע רגע'ס,
וואָס שפּיעלען זיך הינטער די בלומבלעטעל־ברעמען
פון דיינע מיך־טראָגענדיגע אויגען.

וואָס זענען דען שעה'ען פון פּאַסיע
און טעג פון פאַרצעהרען
אַנטקייגען דער בליהענדער רגע,
ווען ס'עפענען זיך גרוים דיינע אויגען
און שטאַרען מיך אָן און פאַרמאַכען זיך ווידער?

## צופוסענס דעם וואַלד־באַרג

אויבען שטעהט דער וואַלד
און אונטען שלאָפט מיין קינד;
אויבען זינגען פייגעל
און אונטען קוועלט מיין האַרץ.

אַ דאַנק דיר, הויכער וואַלד דאָרט,
פאַר שאָטענען מיין קינד;
גאָט זאָל העלפען, קינד מיינס,
זאָלסט וואקסען ווי דער וואַלד.

איבער'ן וואַלד דער הימעל,
איבער'ן טאָל דער וואַלד,
איבער מיר אַ כשוף,
וואָס קושט מיך איין צו רוה.

רוהיגקייט, מיין רוה דו,
האַלט מיך טיעף אין טאָל;
העכער פון די טאָלען
זינגט די אומרוה.

# באָטאַנישער צווייפּעל

איז דאָס אַן׳אַקאַציען־בוים
דערמאָנט ער מיך די ערשטע טעג
פון מיין ערשטער ליעבע.
און איז דער בוים אַ פרעמדער בוים —
דערמאָנט ער מיך שוין גאָר נישט מעהר,
אויסער אַ שטאַטישען סקווער
אין אַן׳אָרימער שטאָט,
אַ צוקריצטע, צושניצטע הילצערנע באַנק,
אַ מיעדען גאַנג פון א יונגער פרוי
מיט רויטען מאָהן אויף אַ שווארצען הוט
און אַ פאררעגענטע טעגליכע צייטונג.
איז דאָס אַן׳אַקאַציען־בוים ?
אָך, — ס׳איז אַן׳אַקאַציען־בוים...

## דאָס טרויעריגע ליעד פונ׳ם רויטען בוים

ביים לאַנגען ים־פּאַס פון לאנג אינזעל,
אויפ׳ן ליכטיגען גרינעם פעלד,
לעבט אַ רויטער בוים.
(ווײנט נישט, ווײנט נישט, ליעבע גראָזען)
ס׳לעבט אַ רויטער בוים.

יעדע קנאָספּ — אַן אָפען האַרץ,
פון גאָט געעפענט מיט אַ קוש,
(ווײנט נישט, ווײנט נישט, ליעבע גראָזען)
טויזענט ראָזע בליטען
לעבען אויפ׳ן רויטען בוים.

חלום מיינער,
אוי, געטרייער חלום מיינער,
שטרעקסט די פרומע סופר־פינגער
איבער לאַנד און ים
און באהענגסט דעם רויטען בוים
מיט טויזענט תלמוד־תורה־קינדער
פון שעווטשענקע׳ס ערד.

(ווינט נישט, ווינט נישט וויטמאַנ׳ס גראָזען
וואָס אוקראַינע האָט אויך אַ פריהלינג.)

ס׳גלאָצען פונ׳ם בוים
טויזענט בלאָהע צינגלעך,
וואָס פלעגען אין פריהמאָרגענס
פלאַפלען: מודה אני...

(ווינט נישט, ווינט נישט, ליעבע גראָזען —
אַכט נישט אויף מיין ליעד.)

## ווענען מיטוואָך און שבת

איבער דער ווייטער מדינה פון חלום,
אויף יענער זייט פורפור־שטאָכעטעו
געשניצטע פון חלום־קרישטאָל,
ליגט דאָס לאַנד פון מיין מיטוואָך און שבת.

דאָרט וואַנדעל איך אום,
ביי די ברעגעו פון היימישען ים,
אַ שעַנדליך באַרויבטער —
ביי וועם זאָל איך מאָנען מיין שבת?

מיין קלייד איז דאָס אייגענע מיטוואָך און שבת,
איך עס בחפזון אום שבת ווי מיטוואָך,
און ווער, ווער זשאָנגלירט עס מיט שווארצע לוחות
פאר מיינע זיבען טעג —
מיינע זיבען זונען.

## וועגן דעם ריח פון קלייען,
## וועגן אייער שלעכטסקייט
## און, אייגענטליך, וועגן אידיש געלט

דאָס איז דאָס ליעד פון דער רעכטער האַנט
אויפ'ן בראָך פון דער לינקער.
אוי, נאַרישע ברידער מיינע,
אוי און וועה, וועמען האָט איהר געלאָזט
פאר אייך וועגן אויסטרעטען?

טייערסטע שיך פון מאַסאַטשוסעטס,
קאַפעלושען געפלאָכטען אין סאַן סאַלוואַדאָר,
אָנטהועכצען פון דער ריינסטער וואָל,
קעלנער מיט דער חוצפה'דיגסטער ווייסקייט,
שניפסלעך מיט פארבען, וואָס לעסטערען די זון —
אוי, ברידער מיינע,
פאַרוואָס פאַרשווענדט איהר געלט
אויף דעם וואָס איז נישט ברויט?
דאַרף איך אָנטהון אַ זאַק מיט אַש
אָדער אַ שוואַרצען קרעפּבאַנד אויפ'ן ארבעל
און אַרומגעהן צווישען אייך און שעלטען?

פאַרוואָס זאָל גאָט'ס בלאָהער הלום
אויסגערינען ווערן, דורך מיין גסיסה,
אין אַ הויז פאַר קראַנקע נאַראָנים
ערגיץ אין קאָלומביע?

אוי, ברידער מיינע,
פאַרוואָס פאַרשווענדט איהר געלט
אויף דעם וואָס איז נישט ברויט?

איהר ווערט פעט און וויים און נאָכמיטאָג־שלעפעריג
פון זעמעל־מעהל,
ווען דער ריח פון קלייען
וואָלט טויזענט משה'לעך און שלמה'לעך
אומגעקערט דעם גלויבען אינ'ם בורא.

און אויב איהר זענט נישט אַזוי פאַרדאָרבען,
ווי מיין צער זאָגט מיר, אַז איהר זענט —
באַווייזט עס מיר,
און זאָלען אונזערע שליחים
נישט גראָה ווערען פאַר דער צייט
פון דעם וואָס גאָט האָט זיי געוויזען.

אוי, ברידער מיינע,
פאַרוואָס פאַרשווענדט איהר געלט
אויף דעם וואָס איז נישט ברויט?

## איבער׳ן כסא הכבוד

אויף דער שווערער ערד
וואקסען בוימער, טורעמס,
הויכע מענשען, בערג און קוימענס —
די גאַזעלען־אויגען פון מיין בראנדיג האַרץ
זעהען זיי בייטאָג
און וויינען מיט געהייליגטע טרערען,
וואָס שטייגען ארויף,
ווי גאָלדענע זייפענבלאָזען, צו דער זון,
און בלייבען דאָרט הענגען
און זענען ביינאַכט די שטערען.

און אין חלום מיינעם
קומען צו מיין בעט די בוימער,
טורעמס, הויכע מענשען, בערג און קוימענס
און וויינען לאַנג און טיעף,
און מיט ערשטוינטע שטערענס
קוקען מיר ארויף און זאָגען:
העכער פונ׳ם העכסטען
קרייזט דער ווייסער פויגעל,
וואָס זינגט דאָס ליעד פון צער.

פינסקי און מזל דרוקעריי,
ניו יאָרק.